5 ווערן און איר זאָגט: ווער עס וועט זאָגן צום
פֿאָטער אָדער צו דער מוטער: דאָס איז אַ קרבן,
6 וואָס דו וואָלסט פֿון מיר געקענט נהנה זיין, דער
איז מער נישט מחויב אָפּצוגעבן כּבוד זיין פֿאָטער
אָדער זיין מוטער. און איר האָט אָפּגעשאַפֿט ג־טס
7 וואָרט דורך אייער מסורה. איר צבֿועקעס! וואויל
האָט ישעיה אויף אייך נבֿואות געזאָגט, אַזוי צו זאָגן:
8 דאָס דאָזיקע פֿאָלק גיט מיר אָפּ כּבֿוד מיט
די ליפּן;
אָבער זייער האַרץ איז ווייט פֿון מיר.
9 אומזיסט איז זייער יראה פֿאַר מיר,
ווייל זיי לערנען ווי מצוות מענטשלעכע לערעס.
(ישעיהו, כט, יג.)
10 און ער האָט גערופֿן צו זיך דעם המון מענטשן,
11 און צו זיי געזאָגט: הערט, און פֿאַרשטייט! נישט
דאָס, וואָס גייט אַריין אין מויל, מאַכט דעם מענטשן
טמא; נאָר דאָס, וואָס קומט אַרויס פֿון מויל,
12 דאָס דאָזיקע מאַכט טמא דעם מענטשן. דעמלט
זענען די תּלמידים געקומען, און געזאָגט צו אים:
ווייסט, אַז די פּרושים האָבן געשטרויכלט הערנדיק
13 דאָס וואָרט? ער אָבער האָט ענטפֿערנדיק געזאָגט:
יעדע פֿלאַנץ, וואָס מיין הימלישער פֿאָטער האָט
14 נישט געפֿלאַנצט, וועט אויסגעוואָרצלט ווערן. לאָזט
זיי גיין! זיי זענען בלינדע פֿירער פֿון בלינדע. און
ווען אַ בלינדער פֿירט אַ בלינדן, וועלן ביידע
15 אַריינפֿאַלן אין גרוב אַריין. און פּעטרוס האָט
ענטפֿערנדיק געזאָגט צו אים: לייג אונז אויס דאָס
16 משל! ער אָבער האָט געזאָגט: זענט איר אויך נאָך
17 אָן פֿאַרשטאַנד? צי זעט איר דען נישט איין, אַז
אַלץ, וואָס גייט אַריין אין מויל, נידערט אַראָפּ אין
בויך, און ווערט אַרויסגעוואָרפֿן אין בית־הכּסא